# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' נשא
תשי"פ לפ"ק
גליון קכ"ב

## פראגע

**יעצט אז מיר האבן געענדיגט ציילן דעם עומר און מיר האבן געהאט שבועות און באקומען די תורה, וואס זאל יעצט זיין אונזער עבודת השם, פון נאך שבועות ביז ראש השנה?**

## ענטפער:

יעצט רבותי, איך גיי אייך זאגן עפעס וואס איך זאג אלץ: די פרייליכסטע סעזאן פונעם יאר איז דער זומער; יא, די גוטע אלטע זומער-צייט. און דעריבער, לאמיר לערנען הנאה צו האבן פונעם לעבן שוין יעצט. גארנישט איז נישט ווי דער זומער. אין די זומער, אויב ביזטו א לענדלארד, דארפסטו נישט צאלן קיין געלט צו הייצן די בילדינג. טראכט פון אלע געלטער וואס דו שפארסט זיך אויף געז-בילס! דאס איז א שמחה. איר מיינט אז ס'איז נאריש? ס'איז בכלל נישט נאריש.

זומער איז נישט דא קיין פארקילעכטס! חוץ טאמער דו זיצט פארנט פון אן עירקאנדישאן א גאנצן צייט און דו טרונקסט קאלטע געטראנקען – גיב אבאכט דערפון! אבער אויסערדעם, וועסטו נישט כאפן קיין קאלד. אטעמען קראנקהייטן? נישט אין דער זומער! נישט קיין הוסן, קיין סניזן! דער זומער איז א געשמאק! וואספארא געוואלדיגע ברכה איז עס!

אינעם זומער באקומט מען וויטאמינען פאר אומזיסט. שפאציר ארויס אויפ'ן גאס און די זון שויערט אויף דיר וויטאמינען; די זון איז א וויטאמין אפטייק. אין די ווינטער זענען דא קאלדס און מען באקומט נישט אלץ די וויטאמינען וואס מען דארף האבן. אסאך מאל דארף מען נעמען עקסטערע וויטאמין-פילן. אין די זומער, באקומט מען אלעס וואס מען דארף. און דעריבער זאגן מיר, ברוך השם פאר'ן זומער!

זומער איז דא א שפע פון פרוכט. דאס איז די צייט ווען די עפל וואקסן. אה! רויטע עפל און זאפטיגע טשעריס און פלוימען און פיטשעס; עס זענען דא היפש אין די זומער און די פרייזן גייען אראפ אין אלע פרוכט געשעפטן. יעצט לעבט מען!

קוק וויפיל ס'איז דא צו הנאה האבן אינעם זומער. ווען דו גייסט ארויס אויפ'ן גאס, רעד דיך נישט אפ, "אוי, ס'איז א הייסע טאג." זיי נישט קיין נאר! דער איבערשטער געבט דיר אזויפיל ענערגיע אומזיסט פון די זון. מיליאנען טאן פון פערדן-קראפט ענערגיע גיסט זיך אריין צו דער ערד פריי פון אפצאל אין די זומער און מאכט אז די ערד זאל ווערן באווייכערט און די פירות און די פרוכט זיך צו אנטוויקלען. און עס קאסט דיר נישט קיין פעני צו באקומען די אלע ענערגיע פון די זון. איז ווען דו גייסט ארויס איפ'ן גאס דארפסטו זאגן, "ברוך אתה השם יוצר המאורות!" זאג נישט ארויס דעם איבערשטנ'ס נאמען, פארשטייט זיך. אבער עפעס מוזטו זאגן! דו דארפסט דאנקען דעם איבערשטן פאר'ן זומער.

איז דער מענטש פרעגט: וואס איז די עבודת השם פון שבועות ביז ראש השנה, יום כיפור? די עבודת השם איז צו זינגען צו השי"ת. לערן וויאזוי צו זינגען צום איבערשטן. און מיין נישט אז ס'איז א קליינע זאך. "טוב להודות לשם!" – צי ווייסט איר וואס ס'איז גוט אויף דער וועלט? צו זינגען צום באשעפער און איס דאנקען. דאס איז גוט. דאס איז די **איינציגסטע** גוטע זאך וואס ס'איז דא.



וואס מיינט איר איז געווען די עבודת השם וואס מיר האבן מקבל געווען ביי קבלת התורה אויפ'ן בארג סיני? די סאמע וויכטיגסטע עבודת השם איז צו האבן הכרת הטוב צו השי"ת! איז יעצט ווייסט איר אז פון שבועות ביז ראש השנה דארפן מיר זיין פארנומען צו זינגען און דאנקען השי"ת פאר די פילצאליגע בענעפיטן וואס ער גיבט אונז; און מיר טוען קיינמאל נישט גענוג. "אילו פינו מלא שירה כים, אין אנו מספיקים" – מיר קענען דיר נישט גענוג דאנקען!

דאס איז די געוואלדיגע עבודת השם אין די זומער. דאס מיינט נישט אז מען דארף אויפהערן לערנען. מיר קענען ווייטער לערנען און טון תורה ומצוות. פון דעסט וועגן, די עבודה פון הכרת הטוב פאר'ן זומער, די פריווילעגיע פון די זומער און דאנקבארקייט פאר'ן זומער איז זייער א וויכטיגע עבודה. (743)

## פראגע

## וואסערע לימוד קענען מיר לערנען פון די D-Day אינוואזיע אין אייראפע?

## ענטפער:

איך געדענק יענעם D-Day אין מיין שול אין באסטאן, מענטשן זענען געקומען און מיר האבן געזאגט תהלים. היטלער האט געהאט פראקלאמירט, און עס איז געווען אנגענומען ביים גאנצן דייטשן פאלק, אז יעצט איז דא ארדענונג אין אייראפע; דער דייטשער רייך וועט אנהאלטן פאר טויזנט יאר. ער איז געווען **אלמעכטיג**. אין יענע צייט האט אים קיינער נישט געקענט אפשלאגן, אבער **יעצט** האט דער אויבערשטער געוויזן א מפלה פאר די רשעים. ווי נאר די אליאירטע האבן געלאנדעט אויף די אייראפעאישע ברעגעס האבן זיי אנגעהויבן צו פארניכטן די נאצישע ארמייען.

און דאס איז א וויכטיגער לימוד: מיר דארפן וויסן אז פריער אדער שפעטער וועט **צדק** באזיגן; רשעות האלט נישט אן אויף דער וועלט. מענטשן זענען צוגעוואוינט צו קוקן נאר אויפ'ן מאמענט, אבער **אלע** רשעים וואס דו זעסט און קוקן אויס צו זיין סוקסעספול, ווארט און דו וועסט זען וואס וועט געשען. זייער סוף איז אייביג אומסוקסעספול און אומפרייליך. היטלער האט נישט געחלומ'ט אז איין טאג וועט ער דארפן באגיין זעלבסטמארד זיך צו ראטעווען.

און אזוי איז D-Day געווען דער אנהייב פון די נקמה אויף די רשעים.

עס איז זייער וויכטיג פאר אונז צו האלטן אין קאפ, אז בעפארדעם האט קיינער נישט געקענט זען קיין שום ענדע צו זיין כח. קיינער האט נישט געחלומ'ט אז ער וועט האבן אזא ענדע. ער איז אפגעווישט געווארן שנעל – די גאנצע נאצי רעזשים איז אפגעווישט געווארן.

אין די צייטן פון די קאמוניסטישע רעזשים אין רוסלאנד האט מען זיך נישט געקענט **פארשטעלן** אז דאס קען זיך אמאל אפשטעלן. אידן אין רוסלאנד האבן אויפגעגעבן זייער אידענטיטעט. חוץ פון קליינע גרופעס דא און דארט, חוץ זיי האט יעדער אויפגעגעבן זייער אידענטיטעט. זיי האבן אויפגעהערט זיך צו מל'ען, זיי האבן גערעדט רוסיש, און אסאך האבן חתונה געהאט מיט רוסישע גוים, און זיי האבן געטראכט אז פון יעצט אן וועט זיין גלייכקייט פאר אלע פעלקער, די קאמוניסטישע רעזשים וועט זיך אויסשפרייטן איבער די גאנצע וועלט, אלע לענדערע וועלן אונז נאכקומען, און דערפאר האט עס אויסגעקוקט ווי דאס בלייבט אויף אייביג. ווער וואלט געחלומ'ט אז די צייט וועט קומען ווען די גאנצע זאך וועט צאמברעכן ווי א גרויסע באבל, און עס וועט בלייבן גארנישט מיט גארנישט פון דעם קאמוניסטישן רעזשים.

איז מיר דארפן לערנען אז פריער אדער שפעטער ברענגט דער אויבערשטער א מפלה אויף די רשעים. אלעס וואס געשעט אויף דער וועלט איז פאר אונז א לימוד, און D-Day קומט אונז צו לערנען, אז די מפלה פון די רשעים איז **אט אט!**

ווען רוים איז געווען אלמעכטיג, זיי האבן חרוב געמאכט די בית המקדש, זענען געווען אידן וואס זענען געווען זייער אנידערגעשלאגן. וויאזוי קען אזא זאך געשען? רוים האט געהערשט איבער גאנץ אייראפע, פון גרויס בריטאניע אראפ ביז אין אפריקע – איבעראל זענען זיי געווען דערהויבן. האבן זיי געחלומ'ט אז עס וועט קומען א טאג און רוים וועט מער **בכלל נישט** עקזיסטירן? דאס גאנצע רוימישע קולטור – זייער רעליגיע, און זייער רעגירונג וועט איר עקזיסטענץ אפגעווישט ווערן פון די וועלט? קיינער האט נישט געחלומ'ט.

און דעריבער, ווען מיר זענען די הנהגה פון השי"ת אין היסטאריע, לערנט עס אונז אז סוף כל סוף ווערט די רשעות חרוב.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מַרְגָּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1 א וואך מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב